# מגנזי המלך

*סיפורי צדיקים, מדבש מתוקים, שסיפר רבינו לתלמידים, בסעודת תפיחין קדישין*



מדור זו נתנדב בשבוע זו
ע"י הר"ר **משה אלי' גרין** שליט"א
לרגל נישואי בתו עב"ג **יוסף לאנדא** נ"ו
ממצויני תלמידי ישבתיה"ק שיעור ד'


**בשבוע העעל"ט סיפר כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א סיפורי קודש :**

## הגאון רבי שלמה יהודא טאבאק בעל ערך ש"י זללה"ה

**שב"ק פר' ויחי תשע"ד קרית יואל**

**היינט שבת איז די יארצייט פונעם ערך ש"י.**

**ער איז געווען** דיין אין סיגוט. ער איז געווען א גרויסער גאון, און א גרויסער פוסק.

**א)** דער ערך ש"י איז נאך געווען א תלמיד פונעם ייטב לב, נאך ווען ער האט געוואוינט אין איהעל.

**ווען דער ייטב לב** איז געווארן רב אין סיגוט, האט ער זיך אויסגענומען אז מ'זאל אויפנעמען צוויי דיינים, האט ער געזאגט פאר קהל אז ער וועט אויסוועלן איין דיין, און קהל זאל אויסוועלן איין דיין. דער ייטב לב האט אויסגעוועלט דעם ערך ש"י - און קהל האט אויסגעוועלט דעם דברי הגאונים (ער איז געווען פון די כהנא'נישע) ער איז געווען א גרויסע גאון - (דער ערך ש"י איז נאך געבליבן דיין ביים קדושת יו"ט).

---

**ב) דער ערך ש"י איז געווען א גרויסער מתמיד, א יעדער מינוט איז געווען ביי אים אויסגערעכנט.**

ביים ייטב לב לעת זקנתו האט מען איינגעפירט אז ביי שלש סעודות פאר אודה האט מען אים געזאגט א מדרש, און ער האט געזאגט תורה דערויף, צוליב דעם האט מען געזינגען אודה אביסל לענגער, אז ס'זאל זיין צייט זיך פארצוקוקן די תורה. זינט דעמאלטס האט דער ערך ש"י אויפגעהערט צו קומען צו שלש סעודות ווייל עס האט גענומען לענגער.

---

**דער** שינאווער רב איז אמאל געקומען קיין סיגוט, אלע חסידישע אידן זענען געגאנגען צום באן מקבל פנים זיין ווען ער איז אנגעקומען. און געגאנגען באגלייטן פאר ער איז אוועקגעפארן. דער ערך ש"י איז אבער נאר געגאנגען באגלייטן, האט מען אים געפרעגט פארוואס ער גייט נישט מקבל פנים זיין, האט ער געזאגט, איינס, עס שטייט נישט קיין מצוה פון מקבל פנים זיין, לויה (באגלייטן) איז יא א מצוה, צווייטנס, אויב איך וועל גיין מקבל פנים זיין, און די באן וועט שפעטיגן, וועט ער דארפן זיצן ביים באן שטאציאן און ער וועט דארפן ווארטן, און עס וועט זיין ביטול תורה, וועגן דעם גיי איך נאר צום באגלייטן, און אז די באן שפעטיגט קען ער אוועקגיין, ער האט שוין מקיים געווען די מצוה.

---

**די טאטע ז"ל** האט דערציילט, אז זיין התמדה איז געווען זייער שטארק, אז ער פלעגט נישט גיין צו די חתונות פון זיינע קינדער, נאר צו די חופה, שטייט דאך (קידושין כ"ט ע"א) אז מ'דארף חתונה מאכן א קינד. אבער חתונה מאכן איז דאך גענוג די חופה, די סעודה קענען דאך שוין אויך אנדערע עסן, און ביי די חתונה פון די אייניקלעך, איז ער שוין אינגאנצן נישט געגאנגען, ער האט דאך א טאטע זאל אים אונטער פירן.

(נאך האט דער טאטע פארציילט, אז אויף די חתונה פון איינעם פון זיינע קינדער, האט די רעביצין פארלאנגט אז ער זאל זיך קויפן א נייעם בעקיטשע. דעמאלטס איז נישט געווען אז מ'זאל אריינגיין אין געשעפט און קויפן, מען האט געדארפט קויפן די סחורה, רופן דעם שניידער צו זיך אהיים, מעסטן די מאס, אא"וו.

מען האט גערופן דעם שניידער, דער שניידער האט אים געהייסן זיך אויפהייבן די הענט, דרייען אויף רעכטס, דרייען לינקס, ער האט אים געוואלט אזוי צופאסן זיין מאס.

רופט זיך אן דער ערך ש"י: אוי, וויפיל איז דער שיעור פון צער גידול בנים... (פר' ויגש - שנת תשס"א)

---

**כ'האב אמאל** געהערט פונעם טאטן ז"ל, אז עס איז געווען אמאל א ברית ביי אים אין שטוב, און מ'האט גערופן דעם קדושת יו"ט, דער קדושת יו"ט איז שוין געווען רב דעמאלטס, מען האט געהאט אפגעשמועסט אויף א געוויסע צייט ווען עס וועט זיין די ברית, ניינע צו צעהנע. דער קדושת יו"ט איז אנגעקומען מיט צוואנציג מינוט שפעטער, האט דער ערך ש"י ארויסגענומען זיין זייגער און האט געזאגט, "וואס מיינט דער רב אז איך בין א פועל בטל?", דער קדושת יו"ט האט זיך פארענטפערט פאר אים אז ער האט געהאט א סיבה וכו'.

---

**ג)** ער פלעגט פירן דין תורה'ס, ער האט נישט געוואלט קוקן אויף די בעלי דינים, האט ער זיך אזוי אראפגעריקט דאס הוט, און אזוי האט ער געפירט די דין תורה, און געזאגט דו הייסט ראובן און דו הייסט שמעון, און ער פלעגט פרעגן ראובן וואס זאגסטו? און שמעון וואס זאגסטו?

---

**דער פעטער** ז"ל האט געהאט הורמנא פונעם ערך ש"י. ווען ער איז געקומען זיך פארהערן יורה דיעה, האט אים דער ערך ש"י געזאגט, "ווייל דו ביסט דעם רב'ס זוהן, מיינסטו אז איך וועל דיר געבן הורמנא", אז דו וועסט קענען וועסטו באקומען אז נישט נישט" דאס איז געווען די ברוך הבא. האט אים דער ערך ש"י געזאגט אז ער זאל קומען צוויי וואכן א יעדן טאג, ער האט געהאט זיין זמן ווען ער האט געפסקנט שאלות (צווישן צווייע און פירע וכדומה) א יעדן טאג ווען איינער איז געקומען מיט א שאלה האט ער אים געזאגט פסקען דו אזוי איז עס געווען צוויי וואכן.

---

**אין סיגוט** איז געווען א יתומה א צובראכענע מיידל א רחמנות די שטאט מענטשן האבן איר צוזאמגעשטעלט א שידוך איר'ס גלייכן דער איז געווען אן עם הארץ, נאך די חתונה איז דער מאן אנטלאפן איז זי שוין געווען א גרעסערע רחמנות, זי איז שוין געווען אויך אן עגונה, א שטיק צייט שפעטער האט מען אים געטראפן אין א דארף נעבן סיגוט, מען האט אים געשלעפט צום בי"ד - און דער ערך ש"י איז דעמאלטס געווען פון די בי"ד - ביים בי"ד האט אויפגעטרעטן איינער וואס האט איר פארטרעטן, דער האט גע'טענה'ט אז ער האט זיך אונטערגענומען איר צו געבן מזונות, דער מאן איז נישט געווען קיין גרויסע תנא קמא, דער איז געווען א פראסטע מארמראשע איד, האט ער געזאגט עס מוז זיין דוקא מזונות און אדמה איז נישט גוט?... א יעדער האט זיך דארט צולאכט, דער ערך ש"י האט זיך דעמאלטס אויך צולאכט און דעמאלטס האט ער אויפגעהויבן זיין הוט צו זען ווער דאס איז (די מעשה האט זיך דעמאלטס ארומגעדרייט).

---

**דער ערך ש"י** איז געווען פון די גרעסטע פוסקים וואס מען נעמט אן, ער האט ארויסגעגעבן צוויי ספרים ערך ש"י און תשורת ש"י.

## תוכן דברות קודש

*בס"ג - מכ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א*


**המשך מעמוד ה'**


**די** טאטע ז"ל זאגט אין (ברך משה פ' בא) די מדרש זאגט (שמו"ר) ויפת יוסף וכל אחיו וכל הדור ההוא אע"פ שהם מתו אבל אלוקיהם לא מת, ס'איז אמאל געווען צדיקים קדושים וואס האבן משפיע געווען פאר אידישע קינדער טהרה וקדושה, ווען ס'איז געקומען די ימי השובבי"ם האבן זיי מעורר געווען מיט דברי כבושין, דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב, **זכרנו ימים מקדם ווען מ'האמיר געהאט די זכי' צו הערן דברי אלקים חיים, אין די וואכן דברים חוצבים להבות אש, אויסגעוואשן נשמות פון אידישע קינדער, אידן האבן פארגאסן טרערן בדמעות שליש, מ'האט תשובה געטאן א תשובה אמיתית, מ'האט משים געווען אל הלב ווי מ'האלט, וואס מ'האט אפגעטון אויף דעם עולם, אלע מעשים אלע דיבורים אלע מחשבות, מ'האט אויסגענוצט די וואכן אויף תשובה אמיתית מ'האט חרטה געהאט, און זיך מקבל געווען א קבלה אמיתית אויפ'ן עתיד, משפר צו זיין די מעשים, אכטונג צו געבן אויף די אויגן און די מחשבות. ויפת יוסף וכל אחיו וכל הדור ההוא** (די צדיקים זענען שוין נישט דא) **אבער "אלקיהם של אלו לא מת" ס'דא א לעבעדיגע באשעפער, די עצה וואס די רמ"א זאגט שויתי ד' לנגדי תמיד דאס איז לא מת, יש לנו אב זקן הוא לא נשתנה, והוא לא ישתנה, השי"ת עומד עליו ורואה במעשיו, די עצה איז אלץ דא,** ס'איז א נצחי דאס האמיר היינט צוטאג אויך, יעדער קען זוכה זיין צום ויאמן מיט א שלשלת הן במעשה, הן בדיבור, הן במחשבה, מ'קען זוכה זיין צו ויאמן גלייבן באמונה שלימה אז השי"ת זעט נישט נאר די מעשים, נאר יעדע דיבור און מחשבה, השי"ת הערט אלע יעדע שיחה קלה, אז מ'וועט האבן די זכי' צו וויסן אז השי"ת עומד ורואה במעשיו, וועט אנכאפן א אימה ופחד פאר'ן בוכ"ע.

**"ויקרא** יעקב אל בניו" זאגט די חיד"א זמנו לבנו ער האט זיי געזאגט מ'זאל וויסן השי"ת זעט און הערט און ווייסט אלעס, האט ער געזאגט "האספו הטהרו את אשר יקרא אתכם באחרית הימים" ס'וועט זיין באחרית הימים ס'וועט נישט זיין קיין צדיקים וואס זאלן מעורר זיין אידישע קינדער און ווארפן א פחד אז מ'זאל מורא האבן פון א עבירה, האט ער געזאגט "זמנו להון אלוקיהם לא מת" **א איד זאל וויסן השי"ת עומד עליו ורואה במעשיו, די עצה וועט גוט זיין אפי' באחרית הימים בעקבתא דמשיחא ווען ס'וועט נישט זיין קיין צדיקים, דאך וועט מען זיך קענען מטהר זיין, יעקב אבינו האט געזען ברוח קדשו אונזער דור ווי אזוי אונז זע מיר אויס, האט ער מחזק געווען און מעורר געווען כלל ישראל, אפי' מ'האמיר נישט ווער ס'זאל אונז מעורר זיין און זאגן אמת'דיגע דברי כיבושין, אריינצוברענגען יר"ש ויראת חטא, מ'זאל מורא האבן צו טון א זאך וואס איז קעגן די רצון ד', די עצה איז מ'זאל וויסן שויתי ד' לנגדי תמיד".**

**דער** איבירשטער זאל העלפן מ'זאל קענען אויסנוצן די קומענדיגע וואכן אויף תשובה ותפלה מ'זאל אמת'דיג תשובה טון, די אמונה אין בוכ"ע זאל ברענגען צו תשובה שלימה, מ'זאל קענען משים זיין אל הלב, מ'זאל זיך מתבונן זיין בינו לבין קונו, ווי מ'האלט אויף דעם עולם, ווי אזוי מ'האט זיך אכטונג געגעבן אויף די אלע ענינים, מ'זאל זוכה זיין צו א חרטה אמיתית אויפ'ן עבר, און א קבלה אמיתית אויפ'ן עתיד, אז מהיום והלאה וועט מען זיך אכטונג געבן וואס מ'רעדט, אכטונג געבן אויף די אויגן, און אויף די מחשבות, און אוודאי אויף די מעשים.

**השי"ת** יעזור שנזכה לתשובה שלימה ושיתקבל תשובתינו לפני השי"ת בהתרוממות קרן התורה וישראל בהתגלות כבוד שמים עלינו בב"א.

### ברכת מזלא טבא וגדיא יאה

ברגשת הלב מביעים אנו מיטב ברכותינו החמות בשמחת חברינו החשוב מופלג בתוי"ש, תורת ה' כל מגמתו ושאיפתו, עוסק במעשים טובים במדותיו הזהובים לזולתו, בג' עמודי עולם אחוזו, לשונו עט סופר מהיר, ה"ה

כמר **י-הושיע אליעזר הערשקאוויטש** נ"ו

ממצויני יוצאי ישיבתינו הק' - סניף דברי יואל,

**כתבא רבא בגליונינו המפואר בד"ת ובחסידות**

**לרגל תת ה' שמחה במעונו באירוסיו למז"ט בשעטומ"צ**

ובחדא מתא הננו מברכים ברכת מז"ל לאביו מוה"ר **ישראל ברוך** הי"ו

**~ שעומד תמיד לימינינו לעזור בהצלחת הגליון ~**

ויהא רעוא מקדם ה' שיזכה לבנות בית נאמן בישראל בבני מעליא,

וחיי ארוכי, ומזוני רוחי, בשלימות הבריאות, וכט"ס.

**המערכת**